# חיפה

## בלעטער פאר ליטעראטור
## און קריטיק

ארויסגעגעבן דורך די
חיפה׳ער חברים פון
יידישן ליטעראטן און
זשורנאליסטן קלוב
אין ארץ־ישראל

### א י נ ה א ל ט :


ל. חיין: בארג אראפ ● י. צ. שארגעל:
לידער צו מיין מאמען ● אהרן קאווע:
אין דארף (פראגמענט) ● אהרן צייטלין:
אן אפענער בריוו צו ח. נ. ביאליק ●
ש. צוקער: כנרת (ליד) ● ל. שמעוני:
צי איז דאס אונדזער געזאנג? ● צבי ס״ל:
יא, אזא איז אונדזער געזאנג! ● ק. אד:
אלטניילאנד ● נאטיצן: וואוהין שפייט
ער? — באשיש — א גוט אויסגעפרוווט
מיטל — א. ליטוואק. ● ● ● ● ● ●



חיפה פעברואר 1932

# חיפה

בלעטער פאר ליטעראטור און קריטיק

ארויסגעגעבן דורך די חיפה׳ער חברים פון יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן קלוב אין ארץ־ישראל

חיפה — פעברואר — 1932

ל. חיין

## בארג אראפ

שוין באלד 4 וואכן דויערט דער לערער שטרייק. קרוב 15 טויזנט קינדער גייען ארום פוסט און פאס אין די גאסן, זיי ווערן פארהפקרט און דעמאראליזירט פונקט ווי ס׳איז איצט הפקר און דעמאראליזירט דער גאנצער העברעיסטיש־קלעריקאלער שול וועזן אין א״י.

די העברעיסטישע שול פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין לאנד איז געווען היילק כל זמן ס׳איז געפלאסן דער גאלדענער שטראם פון «זשארגאנישן» גלות. דער «אידעאליזם» און דער מהות פון שול, איז געווען פראפארציאנעל צום געוויכט און צו דער צאל ענגלישע פונטן, תיכף ווי דער שטראם פון די פאנדן האט זיך אפגעהאקט, איז פארנעפלט געווארן די קדושה, אויסגערונען דער «אידעאליזם» און דאס פנים פון העברעיסטישן שול־וועזן האט זיך באוויזן אין א געשטאלט פון אן אויפגעקומענעם מלחמה־נגיד, וואס האט געבראכן רויקן און לענד ביי א נישט געלונגענעם מסחר.

מיר האבן נישט קיין שום טענות צום העברעישן לערער, ער וויל קריגן באצאלט פון זיין ציוניסטישן שעף נישט ערגער פונם פקיד, — און עס קומט אים באמת דעם זעלבן חלק פון פאנדן־פאנג, ווי די פארשידענע «מנהלים», «מזכירים» וכדומה. דער לערער איז נישט מחויב צו לעבן ערגער פון דעם אדער יענעם «מזכיר», דער לערער איז נישט מחויב נישט צו קריגן זיין געהאלט גאנצע האלבע יארן, נאר דערפאר ווייל די «פאנדן», וואס קריגן צונויף די ארימע פרוטות פון רואינירטן גלות, דארפן סובסידירן די שולן און גימנאזיעס פון רייכע פלאנטאטארן, עשירים און קולאקעס פון רחובות, חדרה, פתח־תקוה א. א. וו. די לערער זענען נישט מחויב צו הונגערן צוליב דער קלאגעדיקער ציוניסטיש־באלעבאטישער פאליטיק, וואס

באפרייט דער רעגירונג און די שטאטראטן פון עול אויסצוהאלטן די יידישע שולן, די שולן פון דער באפעלקערונג, וואס פילט אן די מלוכה קאסע מיט אירע פעטע שטייערן.

אבער — אומגערעכט זענען אלע, הן די לערער, הן די באלעבאטים זייערע. דער שטרייק איז אן איבעריקער באווייז פארן אידעאלאגישן באנקראט פון העבראיסטישן שול־וועזן, א באנקראט אויפן גאנצן פראנט, ווייל אמתער אידעאליזם, וואלט נישט צעבראכן געווארן אין דער הארט פון וואליוטע! קוקט זיך צו צו א יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין א ליטע, לעטלאנד, פוילן און ארגענטינע, צו וואלטן די לערער נישט גליקלעך געווען ווען זיי האבן אזא סובסידיע ווי די א״ידיקע שול — פון 200 טויזנט דאלאר יערלעך? צו וואלט דער וועלטלעכער שול־וועזן נישט געבליט צען מאל מער ווי ביז איצט מיט אזעלכע גרויסע מאטעריעלע מעגלעכקייטן? — דארטן וואלטן לערער נישט דערקלערט קיין שטרייק ווען מען פארזיכערט זיי 11 געהאלטן א יאר, דארטן וואלטן לערער נישט געשטרייקט נאר פארן קירצן עטלעכע פראצענט אפילו פונם ארימען הונגער־געהאלט, ווייל דארטן איז די שול אן ארגאנישער טייל פון לעבן, דארטן איז די שול געבונדן מיטן לערער, מיט די עלטערן, מיט איין נשמה, מיט איין אטעם!

מען טומלט, מען רודערט, מען בייזערט זיך, די לערער אויף דער סוכנות, די סוכנות אויף די לערער, דער נאציאנאל־ראט אויף אלעמען - - - און מען דערמאנט נישט מיט איין אות אפילו די הויפט־מאמענטן פון שול־חורבן אין א״י: 1) די רעגירונג, וואס מוז אויסהאלטן דעם שול־וועזן אונטער דער פולער אויטאנאמיע פון די ריכטונגען צווישן די עלטערן 2) די גרויסע לוינען פון דער גאנצער ציוניסטישער ביוראקראטיע מיט די לערער בתוכם, וואס זענען פארברעכעריש לגבי דער הכנסה פון ארבעטער אין לאנד בכלל, 3) דער רעאקציאנערער תוך פון אלע שולן איינשליסלעך די פון הסתדרות, 4) דער פארברעכן לגבי דער יידישער שפראך פון וועלכער דער שול־וועזן אין א״י ווערט אויסגעהאלטן עד היום.

אין גאר דער וועלט קעמפן די קינדער קעגן רעאקציאנערע עלטערן, אין א״י – קעמפן די פראגרעסיווע עלטערן קעגן דעם רעאקציאנער־קלעריקאלן גייסט, וואס מען גיט איין די קינדער.

אין גאר דער וועלט פארקניפט די שול איר לעבן מיטן פאלק, מיט דער נשמה און אינהאלט פון פאלקס־מאסע, פון ארבעטער־כלל, אין א״י – שניידט מען אפ דאס קינד פון פאלקס־קוואל – דורכן העבראיזם.

אין גאר דער וועלט ווארצלט מען אויס דעם קלעריקאלן תוך פון שול, אין א״י – האדעוועט מען דעם קלעריקאליזם מיט א צומיש פון שאוויניזם --

זאל דעריבער דער איצטיקער שטרייק דינען פאר א רוף פאר די בעסערע פון דער א״ידיקער פראלעטארישער געזעלשאפטלעכקייט: איבערבויען דעם שול־וועזן פון קאפ ביז די פיס, צו פאסן אים צו אונדזער לעבן און קאמף!



י. צ. שארגעל

# לידער צו מיין מאמען

## א.

כ׳בין דא איינגעטונקען אין גרויליק געוויין פון טויזנטער קולות,
וואס קומען־אויף מיטן יונגען זילבער־כישוף אין קילער נאכט
און הערן קיינמאל נישט אויף, און גייען קיינמאל נישט אויס,
האב איך פארהערט מיין געוויין אינם וויינען פון שאקאלן
און גיי־אויס אין דורשט ביי בליאסקנדיקע קוואלן.

איז פארטויבט געווארן מיין שטום געברום, מיין ווייטיקס־רוף
אין אימהדיקן נאכטגעקלאנג,
אין פארצווייפלטן ווילד־געקלאג פון היימישן שלאנג
טוט דיין ווייטקייט מיר אזוי באנג,
און איך זוך דיך, און איך רוף דיך,
און דערווארט דיך ביי יעדן וועג
ציילט מיר ווער די שעה׳ן אויס?
ציילט מיר ווער אויס די טעג?

## ב.

כ׳בין דא איינגעשטויבט אין שטויב פון טויזנטער דורות
וואס האבן אין פיין זיך געקייקלט און געוואלגערט פון ארט צו ארט,
וואס האבן אין בלוט, אין אייגנס, זיך געטובלט
און געטרענקען יעדן טאג,
וואס האבן געזאנג אין געוויין פארוואנדלט און מוזיק — אין געקלאג,
גיי איך דא אויס אלע גאסן, אלע דערפער און אלע שטעט
און ווייס נאך אלץ נישט, ווער ס׳שרייט אזוי אריין אין די טעג.

סאיז מיין שטאט דא אן אויסגעבענקטע
און מיין וועג — אויסגעטרוימט
פאר וואסזשע ציט זיך דא טעמפער צער,
שטומער ווייטיק אויף יעדן שטעג!?

און אפשר, מאמע, איז דאס דיין באצערט געוויין,
דיין בענקונגס־תפילה, דיין קלארער חן

וואס גייט מיר נאך אויף אלע וועגן,
וואס קומט מיר אומעטום אנטקעגן
און דו, —
ווארטסט אויף בשורות און בענקסט, און גארסט,
זוכסט־אויף זכות־אבות פאר ווייטער פרעמד,
שטרעקסט אויס די אויגן צו מיסטערישער ווייט
און גייסט־אויס אין בענקשאפט ציילנדיק די צייט?...

ג.

כ׳האב דא אויפגענומען דעם הונגער־צער פון אלע זייטן וועלט —
דעם גרויסן הונגער־שוים וואס גייט־איבער אלע טייכנברעגעס,
וואס פארפלייצט דעם קוליסביידל און דעם בעדוינס געצעלט,
וואס יאגט און טרייבט פון ליימיקע כאטקעס אין גרעסטער קעלט
וואס גיסט זיך איבער פון דאנאי צום כנרת,
פון ווייסל, ריין ביז צום הייליקן גאנגוס־טייך
און פארגיסט, און פארוויסט, און דערגרייכט אומעטום,
און פארענדט, און פארלענדט, און פארשניידט אלץ ארום,
פארשפרייט מיט שפע אוצרות פיין
און שטילט זיך קיינמאל גארנישט איין —
זאמל איך צענויף דא, אלע שעה׳ן און אלע טעג
און יאג־נאך מיט טעמפע טריט
ס׳פראסטע, וואכעדיקע געיעג.

ד.

ווי גוט וואלט געוועז ווען מיין מאמע זאל דא זיין
און זאל אין ווייבער־כאר אויסבעטן איר פרום געבעט,
און זאל דא אויסוויינען איר געוויין
פאר קינדער אירע וואס זענען צעשפרייט איבער וועלט,
פאר מוטער־צער שטומען וואס נאגט און קווילט,
פארן פנים אירן וואס קנייטשט זיך און געלט
און זאל דא אויפדעקן מאמע־חן און אנטפלעקן,
אויפוועקן שטיל געוויין און נישט דערשרעקן,
זי זאל דא לויפן קלאגן ביי דער כותל המערבי
און אויסקוקן אויף ירושלימס ווײ־גאסן א געטלעכן נביא. —
א, ווי גוט וואלט געוועז ווען מיין מאמע זאל דא זיין!



אהרן קאווע

# אין דארף

(פראגמענט)

— בתיה׳ן

די ביימער אויף בײדע זייטן וועג בארג־ארויף האבן זיך געבויגן צו מזרח אין שטענדיקער מורא פארן ווינט און זייערע לאנגע צווייגן האבן געוויזן דוד׳ן ווי מיטן פינגער: אהין! אהין! צום דארף! פון דארט איז געקומען א פריילעך הירזשען פון א פערד און א געדיכטער רויך, א היימלעכער, האט געזעצט פון קיך־קוימען.

דוד גייט אריין אין עס צימער: א באראק מיט פריש־אפגעווייסטע ווענט און א לוקס זשוזשעט פריילעך. אויף די טישן ליגט אנגעשניטן ברויט ווי צו עפעס א יום־טובדיקער סעודה. ס׳איז נאך קיינער נישטא. איציקל בלויז זיצט ביי א טיש פארטאן ביי א רעפטל ברויט אנגעריבן מיט קנאבל. די באקציין פעלן אים, האלט ער פארמאכט ס׳מויל בעתן עסן און זעט מסתמא ווי עס ארבעטן זיינע אייגענע ליפן. און אויפן שטערן טרעטן ארויס טראפנס שווייס. אונטערן באלקן פליען ארום פייגל און פולן־אן די לופט מיט זומערדיקן צוויטשער.

עס צעטראגט זיך א קלונג צו אוונט־ברויט. הינט הייבן אן בילן ווי זיי וואלטן מיינען מי יודע וואס איז געשען. דאס עס צימער ווערט פול. דער רעש טראגט זיך פאר דודס אויערן ווי קוועלנדיק וואסער. די פייגל דערשרעקן זיך. זיי דראפן זיך בלינד אויף די ווענט מיט צעשפרייטע פליגל. טייל פארקלייבן זיך אונטער די קראקוועס און קוקן אראפ זייטיק מיט בלינצלדיקע אייגעלעך.

דוד זיצט מיט איציקלען ביי איין טיש. נאכן עסן זאגט איציקל צו זיין שכן:

— מיר האבן דאך יעצט געגעסן פלייש. און דאס הייסט דאך שוין ביי אונדז א גוט נאכט־מאל. אנו פרווו לייג מיר יעצט אנידער א געבראטן הינדל צו כ׳מאך עס נישט פארטיק אויפן ארט — בנייי ביי.

און איציקל צעשמייכלט זיך מיט זיין נידערגעשלאגן שמייכעלע וואס מיינט צו זאגן: «כ׳בין ביי זיך גאר נישט און האב גאר נישט אויף דער וועלט א חוץ׳ן עסן». דערנאך בלייבט ער זיצן טרויעריק און ס׳איז אים אויף עפעס א שאד. נאכן לעצטן מאלצייט האט ער נישט מער אויף וואס צו ווארטן און גייט אין זיין צעלט אריין שלאפן.

ארויסגייענדיק פון עס־צימער טרעפט זיך דוד מיט די מיידלעך וואס ארבעטן אין שטאל.ביים אנבליק פון איינער טוט אים א קלאפ אין הארץ. דאס מיידל איז אים שטארק קענטלעך, נאר ער קען זיך נישט דערמאנען פון וואנען. עס איז אים קענטלעך די לויטערע בלייכקייט פון איר פנים. עס איז אים קענטלעך איר קורץ, פארשייט און קינדיש

נעזל, איר אונטערשט אביסל בולט ליפל וואס איז פול און רויט און צייטיק. ער געדענקט אפילו ווי אזוי דאס ליפל ציט זיך חנעוודיק עטוואס, אין איין זייט אריין, בשעת זי רעדט. כאטש ער איז זיכער, אז ער האט נאך מיט איר קיינמאל נישט גערעדט. ער ווערט אנגעפולט מיט א מין ווארעמקייט, ווי עס טרעפט מיט אים אפט אין די ערשטע זומערדיקע פארנאכטן. ווייזט אויס, אז ווען ער האט זי ס׳ערשטע מאל געזען איז געווען אנהייב זומער. נישט בלויז זי וואכט־אויף אין זיין זכרון, צוזאמען דערמיט געדענקט ער זיך אליין יונגער מיט עטלעכע יאר. נאר ווער קען זי זיין און וואס איז צווישן זיי פארגעקומען, אז זי זאל האבן אזוי זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון? ער וויל זי נאך א מאל אנקוקן נאר עס זענען שוין געבליבן צו־ווינציק מענטשן אינעווייניק, אז ער זאל נאך א מאל אריינגיין.

צומארגנס כאפט ער זיך אויף פרי. עס הערט זיך א שווערער סקריפ פון אן אייזערנעם טויער. ער פילט, אז ער וועט שוין נישט שלאפן און טוט זיך אן. די נאכט ליגט נאך געשמאק איבער אלץ, אין טאל לייכטן זיך איינציקע מוטנע פייערלעך. די לאנגע שורה שמאלע שטאל־פענסטער זענען שוואך באלויכטן. דאס מיידל מיטן קורצן נעזעל מוז שוין דארט זיין – טראכט ער, און גלייך דערמאנט ער זיך, מיט ווארעמען ציטער, אז נעכטן האט זי אים צוגעווארפן עפעס אזא ווייכן בליק. זי געדענקט אים מסתמא אויך. און כאטש ער ווייסט אז ער וועט יעצט אהין נישט אריינגיין דאך ווערט ער וואס־א־מאל נעענטער צום שטאל... ס׳הערט זיך פון דארט א קלאפ פון א ליידיקן עמער, א שווערער קרעכץ פון א בהמה ביים אויפשטיין צום מעלקן און צווישן – דאס ריטמישע שמייסן פון די מילך – ריטלעך אין דעם עמער אריין. עס פילט זיך ווי עפעס א הייליקע ארבעט ווערט דארט אפגעטאן געווארן. די טיר עפנט זיך. א מיידל טראגט ארויס א קאן מילך. איר ווייס טיכל אויפן קאפ גיט א בליץ אין דער געדיכטער פארטאג־פינסטערניש און דוד פארנעמט זיך שנעל אין א זייט אריין. דער שומר טרעפט אים, און נישט קוקנדיק ווער סע איז, זאגט ער קורץ: «גיי שלאפן! ס׳איז נאך פרי!» ער פארנעמט זיך צו די הינער־שטייגן פון וואנען ס׳האט פלוצים זיך דערהערט א גערויש פון פליגל. באנאכט ווערט ער, דער דאזיקער שומר, באפעלעריש, האלט איטלעכן אונטער זיין שוץ. גראד איז ער א זייטיקער בחור א שטילער מיט פארטראכטע אויגן. באטאג זעט מען אים כמעט נישט. ער גייט אין די בערג פאנגען א ווילד חזיר. אז עס געלונגט איהם ווערט באנאכט גענפראוועט אין דער בעקעריי א גאנצע סעודה. א מאל פארטרינקט מען מיט שווארצע קאווע. דאס ברויט האלט דעמאלט ביי פארטיק ווערן און שמעקט ארויס פון אויוון. ארום׳ן טיש וואו מע קנעט דאס טייג זעצן זיך אויס די בעקער־יונגען, און ווי נאר מע נעמט זיך עסן עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אריין אזוי



זייטיק, מיט א נידערגעשלאגן שמייכעלע, איציקל. און כאטש מע זעט איהם נישט גערן קומט אים פארט אויס ס׳גרעסטע חלק. דאס איז טאקע דאס איינציקע מאל וואס ער עסט זיך אן צו זעט. ער בלייבט זיצן מיט א פולן בויך. זיצנדיק וואלט ער שוין איינגעדרימלט אויף די פאר שעה. אויב ס׳איז רעגנדיק, געפינט ער א תרוץ, אז זיין צעלט שטייט ערגעץ ווייט און ער כאפט זיך ארויף אויפן ווארעמען פיעקעליק, צווישן די אנגעווארמטע זעק, צום שטיל געהיימען גערויש פון אויוון און פון אן איינציקע גריל ווערט ער גיך איינגעדרעמלט. אין א ווינקל מויל נעצט ביי אים געשמאק. ער גיט א זיפ מיטן מויל, ווערט עטוואס וואך און ס׳דאכט זיך אים, אז מע טרונקט עפעס הינטן. ער פוילט זיך אויפצושטייען׳ ער האט אינזינען אויפצוהייבן דעם קאפ א קוק טאן: אויב קאווע לוינט זיך... און ער מיינט, אז ער האט זיך שוין אויפגעזעצט און ער זעט טאקע קאווע אין געבלומטע פארצעלייענע שעלעכלעך. נאר דאס איז שוין געווען אין חלום. אינדערפרי קריכט ער אראפ א מידער, אן אויסגעטרוקנטער פון היץ, אינגאנצן פארמעליקט. מיט א בלאסקייט אין די באקן. שרעקט איבער דאס מיידל וואס איז געקומען ארבעטן און שארט זיך שטיל ארויס. ער גייט צו דער ארבעט שוין אן פרישטיק שפייענדיק איבערן גאנצן וועג איינס נאכן אנדערן.

---

אהרן צייטלין / ווארשע

## אן אפענער בריוו צו ח׳ נ׳ ביאליק *)

ליבער און פילגעשעצטער ח׳ נ׳ ביאליק׳

אויפן וועג איינצונעמען דעם «גלות» פאר דעם העברעישן בוך׳ האט איר געפונען פאר מעגלעך׳ נייטיק און געוואונטשן׳ אויפצווייזן מיט פארדעכטיקן אקאדעמיזם׳ אז יידיש וועט אזוי לאנג לעבן׳ ביז עס וועט... מוזן שטארבן.

אויך שפראכן האבן זייער ביאלאגיע׳ און קעמפן קעגן אזעלכע אויספירן איז אן אומזיסטע און נישט־נייטיקע טרחה׳ אלדאס זייענדיקע שטארבט׳ ד׳ ה. נאכדעם ווי סאיז א געוויסע צייט געווען — הייבט עס ווידער אן צו ווערן׳ ס׳גייט אריבער אין אנדערע — יודעי־חן זאגן: העכערע — פארמען פון זיין׳ ביז דאס זיין גייט ווידער אריבער אין א ווערן׳ און אזוי אן א סוף׳

אלץ וואס לעבט איז א גלגול פון עפעס׳ וואס האט געלעבט — אבער נישט קיין איבערחזרונג׳ אויך יידן פון היינט זענען נישט קיין איבערחזרונג׳ נאר א גלגול פון די יידן פון א מאל׳ און ווייל יידן זענען שוין הונדערטער

*) מיר גיבן דא איבער אין א פארקירצטער פארם (צוליב מאנגל אין פלאץ) אהרן צייטלינס בריוו וואס איז געדרוקט געווען אין די «ליטערארישע בלעטער» נומערן 46 און 47, צוליב דער לעבעדיקייט און אקטועלקייט פון דער טעמע דא אין לאנד.

מאל «געשטארבן» – זענען זיי פונקט אזוי פיל מאל מגולגל געווארן.

איז וואס דערפון געדרונגען? גאר פשוט: אויב מוויל ניט גלייבן (כדי נישט אריינצופאלן אין סאמע לעצטן און שרעקלעכסטן יאוש) אין אן אייביקער איבערחזורונג, איז נישט שייך אנצונעמען, אז א גלגול פון ערב 1932 זאל קענען צוריקקערן צום פנים און צום לשון פון זיין אור־אור־פארגענגער פון ארום יציאת־מצרים־צייט, אדער פון דער צייט, ווען יידן האבן איינגענומען יריחו. דער יידישער וועלט־היסטארישער קאמף פון היינט איז נישט דער קאמף פון יהושע בן־נון, איבערחזרן און איינחזרן איז זייער א וואוילע איבונג, אבער גאט חזרט נישט איבער, ער שאפט, און שאפן הייסט: גיין אלץ ווייטער, טיפער, נייער און — א נ ד ע ר ש ע ר!

ניין, יידן לעבן נישט אין די צייטן פון יהושע בן־נון און אפילו נישט אין די צייטן פון די תנאים און אמוראים. און אויב אזוי איז מיט יידן, איז מיט זייער לשון אויך אזוי. די גוואלטיקע מערהייט יידן — א 10 — 12 מיליאן — רעדט י י ד י ש; די סאמע קלענסטע, פארשווינדיקסטע מינדערהייט פון צווישן אט די מיליאנען באמיט זיך — אין ארץ ישראל — צו מאכן שבת פאר זיך און רעדן אן אייגענעם יידיש, א מינדערהייט־יידיש מיט א דריי־פתחדיקער האווארא, א העברעיש, ערשט פון דער נאדל, וואס זיין באציונג צום פארצייטישן לשון־קודש איז בקירוב די זעלבע, ווי די באציונג, לאמיר זאגן, פון נייגריכיש צום קלאסישן גריכיש פון אייריפידעס, אייסכילאס, סאפאקלעס און אריסטאפאנעס. איז אויב זיי ווילן גראד רעדן אט אזא לשון און נישט דאס לשון פון אלע איבריקע יידן — קאן מען, מיין איך, קיין טענות דערפאר נישט האבן. מאדנע איז נאר, ווען די מינדערהייט שיקט פלוצלינג ארויס איר אפאסטאל צו די מיליאנען, און דער אפאסטאל זאגט: אייער שפראך, די שפראך פון מיליאנען, מוז, על־פי געשיכטע און על־פי שכל, שטארבן, און די נייע, פריש־געבאקענע שפראך, פון די הונדערט־טויזנט — באשר זי איז די «אייביקע» — קען, מהיכי־תיתי, ווערן דער עולם־הבא פון אייער כמו־שפראך, איר י ע נ ע  ו ו ע ל ט, איר ליכטיקער גן־עדן, און אויך דאס נאר בתנאי, אז איר וועט טוען מצוות און מעשים טובים, ווארום ערשט דעמאלט וועט איר זוכה זיין צו ווערן אין אט דעם «אייביקן» גן־עדן — א פוס־בענקעלע.

אט דא, זעט איר, טוט זיך שוין ממילא א פרעג: וואס גיט אייך, דעם דיכטער ביאליק, דאס מאראלישע און דאס געשיכטלעכע רעכט אזוי צו זאגן, ווען תל־אביבער העברעיש איז דאך אויך נישט מער ווי א נייער גלגול, וואס איז גאר יונג אין פארגלייך מיט דער פיל ע ל ט ע ר ע ר יידישער שפראך, און וואס לעבט דאך סוף־כל־סוף נאר מיט איר כח און חסד, פונקט ווי די העכער ק״ן־טויזנט יידן פון היינטיקן אראביזירט־אנגליזירטן ארץ־ישראל לעבן אויך נאר מיטן כח און מיטן חסד פון דעם אזוי־גערופענעם «גלות»?



און מיר פרעגן: מה רעש? די גאר אמתע יורשים פון דעם לשון־קודשדיקן פארצייטן זענט איר דאך נישט און קאנט נישט זיין; נייע נאציאנאל־יידישע ווערטן — איז עס נישט מערקווירדיק? — האט איר אויפגעהערט צו שאפן ווי נאר די ניי־העברעישע ליטעראטור איז אוועק פון דעם «גלות» און איז פארוואנדלט געווארן אין א שטרענג לאקאלער ארץ־ישראל־ליטעראטור, — טא אין נאמען פון וואס — פרעגן מיר — אזא פאראד, אזא אנשטעל פון אן «אייביקייט», וואס שטייט כלומרשט איבער דער «צייטווייליקייט»? ווי אלט איז דען, צווישן אונדז גערעדט, א י י ע ר «אייביקייט» — די תל־אביבער? אין נאמען פון וואס נעמט מען אין ארענדע די אור־אמאליקייט, וואס אלץ מוז זיך כלומרשט צוריקקערן אין איר שויס? עס מוז געזאגט ווערן: איר אין ארץ־ישראל לעבט נאך אלץ מיט די אפגעפארענע און פארעלטערטע פארשטעלונגען וועגן עפעס א «שפראכן־קאמף», א קיינעם (אויך אייך) נישט נייטיקן, א קאמף קעגן א שפראך, וואס נישט מ׳קאן מיט איר קאנקורירן (זי ווערט פארט גערעדט דורך מיליאנען יידן) און נישט זי האט בדעה צו קאנקורירן מיט אייך.

אט האט איר, ביאליק, גראד אפגעגעבן כבוד דער גרויס־געווארענער «שפחה», איר געמאכט קאמפלימענטן, אבער נישטווילנדיק איז דאך ארויסגעשוואומען דער, זייט מיר מוחל, באהאלטענער משכיל, וואס מוז פארט דערלאנגען דעם שטאך, צו וואס די אלע משלים, מיט דעם ציילן די יארן (פונקט 200 יאר, א האר נישט מער!), מיט דעם פארהערן זיך, מיט דער «דראונג» פון טויט, מיט דער נומעראציע (פונקט נומער 16!) און מיט די אלע קאפולירער אנצוהערענישן? פילט איר דען נישט ווי פאלש דאס אלץ איז, ווי איינגערעדט און פרעטענציאז? —

צוליב טיפע געשיכטלעכע סבות איז לשון־קודש נישט געווארן (האט נישט ג ע ק א נ ט ווערן) די פאקטישע אומגאנג־שפראך פון יידן. נו, גוט, ווילט איר זיין די «רעוואלוציאנערן» און גיין — קעגן דער געשיכטע און דעם אינסטינקט פון פאלק, רעדט זשע נישט אין נאמען פון דער געשיכטע, נאר אין נאמען פון אינטעליגענטישן אויפשטאנד קעגן איר. די געשיכטע — גראד זי — איז ק ע ג ן אייך! און רעדט אויך נישט אין נאמען פון דער אייביקייט און פון דער אומפארגענגלעכקייט. די אייביקייט איז קעגן אייך — ווייל אייביקייט איז די אומאויפהערלעכקייט און דאס קיינמאל זיך נישט איבערחזרן און דאס קיינמאל זיך נישט צוריקקערן. און נאך: איר ווילט דאך נישט קיין לשון־קודש — דאס לאזט איר איבער פאר די ארטאדאקסן — איר ווילט דאך גאר א «לשון־חול», א העברעישע אומגאנג־שפראך, — טא וואס שלעפט איר תמיד ארויס פון ארסענאל די קדושה מיט דער יום־טובדיקייט?

אדער — אדער!

צי זענט איר גופא, דער העברעישער קלאסיקער ח. נ. ביאליק, נישט א פראדוקט פון דער אטמאספער פון י י ד י ש? אלע יענע פריערדיקע (צום טייל אויך

היינטיקע) העברעישע שריפטשטעלער פון באדייטונג, יענע אלע נישט־העברעיסטישע העברעיש־יידיש־שרייבער – די מענדעלע מוכר ספרימס, און די פרישמאנס, און די שניאורס, און די פיכמאנס, און די קאצענעלסאנס, און די אלע וואס איך דערמאן דא *נישט*, – פון וואנען זענען זיי ארויסגעוואקסן, אויב נישט פון דער יידיש־אטמאספער? צי וואלט די אטמאספער פון דעם ארץ־ישראלדיקן, ד׳־אמותדיקן, פון יידן און יידישע יסורים אפגעריסענעם, נעא־משכילישן סעקטן – העברעיש – אויך געקאנט ארויסגעבן א ביאליק?

טייל פון אייך פילן די אפגעריסנקייט ווי א וואונד. זיי שטיקן זיך. אבער – מיינט איר, אז דורך קליינמאכן יידיש וועט איר געווונען מער לופט פאר העברעיש?

איך פארשטיי: שווער זיך אפצוזאגן פון דעם צענטר־געדאנק – פון דעם *מאנאצענטריזם*. *איר* זענט דער צענטר, די מיליאנען זענען נישט מער ווי א פערעפעריע. גייט נישט דער בארג פון מיליאנען צו אייך – באשליסט איר גיין צום בארג.

אבער – דער «גאנג צום בארג» איז א טראגישער. נישט אין דעם גייט עס, צי מוועט יא פארקויפן כך־וכך העברעישע ביכער, אדער נישט. סאיז די טראגעדיע פון א טעות – פון אננעמען א פערעפעריע, א קליינעם טייל פון א פערעפעריע, א פראגמענט אירן – פאר א צענטער.

טרייסטן זיך, אז יידיש איז סך־הכל «נומער 16» – הייסט: וועלן פארטויבן די אייגענע ספיקות. נאר א באהאלטענער מינדערווערטיקייט־קאמפלעקס קאן דיקטירן אזא – כבעט שטארק איבער – טרייסטן זיך מיט חלשות.

איז דען נישט געשאפן געווארן אויף יידיש א *נאציאנאלע* יידישע ליטעראטור – נאציאנאל, וואס אן אמת, נישט אין זין פון: «רבונו של עולם», «הורא», נאר אין א זין א מער אוניווערסאלן, און מעטאפיזישן?

ביישפילן? – שלום עליכם; פרצעס «פאלקסטימלעכע געשיכטן»; זיין «גאלדענע קייט»; זיין «ביינאכט אויפן אלטן מארק»; שלום אשס «קדוש השם»; אשס «מאראנען»; זיין *טרילאגיע*; י. אפאטאשוס «פוילישע וועלדער»; ה. לייוויקס «גולם»; ז. שניאורס «שקלאווער יידן» און «פעטער זשאמע»; נסתרס צווי בענדער «געדאכט»; א. לעיעלעס «שלמה מולכו»; י. י. טרונקס «יאזעפוס פלאוויוס פון ירושלים»; מלך ראוויטשס «בלוט אויף דער פאן». און – ווער נאך? איך האב געוויס פארגעסן א היבש ביסל נעמען. און נעמען וויכטיקע. די רשימה איז זייער אן אויבנאויפיקע און א נישט־קאמפלעטע. זי וואלט זיך היבש צעוואקסן, ווען איך זאל כאטש פון אויבן־אויף וועלן אויסרעכענען אנדערע, גרויסע און קליינע ווערק פון מענטשן, וואס שאפן אויף דעם «16־טן יידיש», און וואס דאס יידישע באקומט ביי זיי א תקון אפילו דאן, ווען די *טעמע* זייערע איז א אוניווערסאלע און ווען זיי גופא זענען דורכויס נישט קיין «נאציאנאלע יידן» (אין באלעבאטישן זין פון ווארט). יידיש



איז – דאס *אמתע* יידיש, איז – טאקע *יידיש*! אפילו דאן ווען עס איז נישט אויסן גראד צו זיין – ווי זאגט מען דאס – נאציאנאל. עס דערפילט א נאציאנאלע שליחות ממילא, פון זיך אליין און אן שום פראגראמען.

נומערירט נישט! עס איז – יידיש!

צי איז טאקע יידיש בלויז און אויסשליסלעך «היינט»? ניין, אויך יידיש איז עבר (און צוקונפט). וועלן פארוואנדלען יידיש אין עפעס א «נומער 16» – איז דעריבער דער טייטש: אין נאמען פון א פרירדיקן עבר וועלן אויסמעקן אן עבר א שפעטערדיקן, אן עבר, וואס האט א פאטערלאנד־פאלק (אמת, אויך דעמאלט מיט גרויסע אוניווערסאלע טענדענצן) פארוואנדלט אין א וועלט־פאלק. ווארום «יידיש נומער 16» איז דאך נישט מער און נישט ווייניקער, ווי א *גאונישע*, *פון פאלק אליין געשאפענע*, *אפשפיגלונג און פאראייביקונג* פון דעם זעלבן «גלות» וואס איז נישט קיין לייזיקע שמאטע, וועלכע דארף פארביטן ווערן אויף א בלוי־ווייסער פאן, נייערט – א טיף־געהיימע תוך־זאך, א גראנדיעזער עיקר, א שטיק אטעם און אינהאלט פון דעם, וואס ווערט גערופן: יידישע געשיכטע.

ש. צוקער

## כנרת

ווייט און ברייט ער גרינט זיך גרין,
טיפט און וויגט זיך, אהער־אהין;
גלאנצן כוואליעס שוימיק בלוי –
בייטן זיך די פארבן לויט דער צייט און שעה.

ליגט ער אזוי גדלותדיק און שמייכלט ווארעם זיס,
צופוסנס הויכע בערג: היטן, שיצן אים פון טיף,
ווינקט פון אויבן צו דער חרמון, ווייס ווי אן אלטער ריז
שמעלצט זיך און צעגייט נישט מער, ווערט נישט קיינמאל מיד.

דרימלט ער אין רויקייט, שפיגלט זיך אין זון
חלומט פון זיין אייביקייט סודותדיק און שטיל
שיקט א גרוס די קינדער זיינע, ווייט — אהין דארט ווייט,
אין לאנד פון יעדנס קעניגרייך, אין לענדער ווייט.

שטייען זיך הייזעלעך ארום דעם ברעג,
פישער אין די ווייסע נעכט, ליגן לאנג אויף דעק,
שענקט זיי דער כנרת צו מיט א ברייטער האנד —
קויפט מען מארגן מיט ברכה פיש, אויפן גאנצן לאנד.

ל. שמעוני

# צי איז דאס אונדזער געזאנג?

אין די לעצטע יידיש־ליטערארישע אויסגאבן פון א. בליי אין א״י: «מאי», «יוני» און «אקטאבער», געפונען מיר א היפשן פעקל לידער, בעסערע און ערגערע. די חו״לדיקע וועלט האט מיט באפרידיקונג אויפגענומען די יידישע העפטן פון א״י, און א גרעסערער טייל פון דער קריטיק אין דער חו״לדיקער פרעסע האט זיך אפגעשטעלט אויפן אופן פון «יידישן געזאנג» אין א״י — נעמענדיק אלס ביישפיל די לידער פון די אויבנדערמאנטע אויסגאבן.

דער טאלאנטירטער יונגער דיכטער מאטל וועקסלער «זינגט» אין «מאי»: —

«די טארבע געפאקט שוין, די וואונדן פארבונדן
דער שטעקן אין האנט —
צו קען מען נאך ערגעץ אצינדער געפונען
אן אינדזל א לאנד»? —

לעזנדיק די דאזיקע מרה־שחורה מוז מען זאגן, אז דאס שטימט לחלוטין נישט מיט אונדזער א״ידיקער ווירקלעכקייט. יחידים, פארביטערטע, אנטוישטע יחידים, «נעמען די טארבע» און בינדן די וואונדן, און זוכן נייע אינדזלען און לענדער, די א״ידיקע יוגנט, די ארבעטער־יוגנט, איז דא איינגעווארצלט מיט זייערע אלע נערוון, מיט זייער בלוט און לעבן, זיי מרה־שחורהען נישט אפילו — איצט ווען דער הימל איז נישט אזוי שטארק באשטערנט און «באלבנהעט». און זעט: אפילו די מרה־שחורהניקעס צווייפלען שוין «צו קען מען נאך ערגעץ אצינדער געפונען — אן אינדזל א לאנד»?

און דער זעלבער מאטל וועקסלער, וואס האט אזוי הארציק געזונגען אין א״י אין «אנהייב», דער זעלבער וועקסלער, וואס האט זיין געזאנג גענומען פון שמעקעדיקן פעלד, פון אקער און האמער (אנהייב 1928) געפונט זיך איצט ווייטער פון א״י מיט דער «טארבע אויפן פלייצע», אפגעשניטן די צאפלדיקע שפרודלדיקע יניקה, זינגט ער אין «יוני» — (1931):

«כ'האב אין אוונט שעה געחלומט
פון א מארגנרויט,
און פארגעסן, אז צוקאפנס
ווארט אויף מיר דער טויט».

נישט דאס איז אונדזער געזאנג. אונדז צוקאפנס ווארט א לעבן. און גארנישט ריכטיק האט דער רעדאקטאר פון «יוני» געטאן, ווען ער האט אויפן דאזיקן ליד אנגעשריבן «חיפה», וועקסלער איז שוין 2 יאר ווייט פון א״י ערגעץ אין א פראווינץ שטאט אין פראנקרייך — «חיפה» זינגט איצט מיט גוואלדיק־גרויסע באגערס און קראנען אין נייעם פארט, מיט סירענעס און טראנסמיסיעס פון פאבריקן.

די אנפאנגערין ליובע וואסערמאן, האט אין «מאי» אין איר ליד «ירושלים» געזונגען אז:

«איך האב דיך ליב דו שטיינער שטאט,
ווען דיינע טעג צעטליען זיך אין גרוי».

ס'האט זיך געדוכט אז ליובע וואסערמאן אין איר ערשטן געדרוקטן ליד ווייזט ארויס איר ארגאנישן צוזאמענוואוקס מיט דער גרויער, ארבעטנדיקער ירושלים — און זי אלס ארבעטער פרוי, וועט ווייטער זינגען אין דעם זין — נעמט ליובע וואסערמאן דערציילט שוין אין איר צווייטן געדרוקטן ליד, א חודש שפעטער אין «יוני» אז:

«טראפנסווייז איז אויסגערונען
מיין לעצטע פרייד».

פארטיק, שוין אויסגערונען די פרייד, נאכן אויסזינגען 2 לידלעך — — — ווייזט זיך ארויס, אז ליובע וואסערמאן האט שוין דעמאלט געפאקט דעם פעקל און פארלאזן דאס לאנד — — — איז שוין נישט קיין וואונדער, אז ביי איר איז אויסגערונען «די לעצטע פרייד»...

און א מאדנע זאך, וואס שטימונגען זענען: מנחם סטעמפל דער קרעפטיקער דער טאלאנטירטער דיכטער, וואס האט זומער 1928 אין תל־אביב ארויסגעגעבן זיין בוקעט לידער «אויפן שוועל פון ליכטיקן טאג» — וואס האבן געאטעמט מיט זון, מיט ארבעט, מיט לעבן, וואס האבן אין א געוויסער מאס געדעמפטערהייט־אויסגעדריקט די פרייד פון דער ארבעט אין א״י, וואס איז באמת געווען אונדזער געזאנג, שרייבט אין «יוני»:

«ס'איז גוט וואס מיינע מוסקולן זענען שטארק
«איך ווייס פארויס
«איך וועל א טאטע זיין.

דוכט זיך גוט — די פרייד פון ווערן א טאטע ביים ערשטלינג — נעמט מנחם סטעמפל און שעלט מיט טויטע קללות...

«און קומען וועלן צו מיר די קינדער מיינע
מיט צארן אין די אויגן
מיט קללות אויף די ליפן!
וואס איך האב זיי געהאט?

— סטעמפל — צו איז עס ווירקלעך אזוי אין א״י? אונדזערע קינדער די צירונג פון א״י, אונדזערע קינדער, וואס לעבן שוין צו גוט אין א״י — אונדזערע וואונדערלעכע לעבנספולע צאפלדיקע יאטן — זיי וועלן אונדז שעלטן! פונוואנען אזא פינסטערע נבואה? צי איז דאס אונדזער געזאנג?



דאס איז דאך אין פולן ווידערשפרוך מיטן אמת!

י. צ. שארגעל האט אין די העפטן «מאי» «יוני» בעסער אדער ערגער פארגעזעצט זיין טראדיציע פון «אנהייב», וואו ער האט אנגעקוואלן פון די «שניטער» פון גאטס ברכה און «וויין גארטן», י. צ. שארגעל באזינגט אין «מאי» «די שוועסטער אין דארף»:

«ווער קען מעסטן דיינע טריט
«אויף פעלדער פלאכע, שווארץ צעאקערטע
«אז ס'איז דיין יעדער, יעדער שריט
«העלער אנזאג פון פרייד צעפלאקערטע...

אין «יוני» זעצט י. צ. שארגעל פאר:

«מיין יעדער טאג איז א שטומער ערב שמחה,
כ'דערווארט מיינע געסט אין אים פון אלע עקן וועלט».

אין «צווישן צוויי און דריי» (1930) פרובירט י. צ. שארגעל מער אדער ווייניק איבערגעבן דעם געזאנג פון ניי אויפגייענדן יידישן אינדוסטריעלן לעבן אין א״י — מיטאמאל אין דער אויסגאבע «אקטאבער» 5 חדשים נאכן «מאי» געזאנג, קלאגט זיך שארגעל פארנאנדער, ווי די אמתע קלאג־מוטער:

«פ'טאנצן איצט אומעטום ארבעטסלאזע
טאטעס לויה טענץ, שטומע
און באוויינען געוועזענע טעג»...

י. צ. שארגעל מאכט דארטן עפעס א גאנצע קאשע פון געלע «הונגער פלעקן», קופעס «הענט מיט פיס» צער און צארן

ביזן אויסרוף פון «הונגערדיק מ י ל י א נ ע ן קול:

«ברויט, ברויט, ברויט».

צו איז ד א ס אונדזער «געזאנג» אין א״י אין חודש «אקטאבער» 1931? ווען די ארבעטסלאזיקייט איז געפאלן לגבי מאי 1931, ווען אויף 40 טויזנט יידישע ארבעטער זענען פאראנען אין לאנד ביז 2000 יידישע ארבעטסלאזע, דיכטעט זיי שארגעל איבער אין מיליאנען — און טו אים עפעס!

און פריינט יעקב שטאל, וואס מאלט אין זיינע לידער שיינע, פרעכטיקע א״יִדיקע פייזאזשן אין «מאי» אין «יוני», יעקב שטאל, וואס האט אונדז אזוי הערלעך אויסגעזונגען די «חתונה אין קאטרע» און אויסגעטאנצט זיין «וואל שערן» אין «דריי», אט דער יעקב שטאל, ווערט אויך מיטגעריסן מיט דער י ח י ד י ש ע ר מרה־שחורה פון הארבסטיקן «אקטאבער» און נעמט צו:

> «שוועסטערל מיינע
> לאמיר אוועקגיין פון זיי,
> עס יאגט א בראנד אין זייער ראד
> טרוקן בלוט איז זייער גאט...»

בלוט און בלוט, מיט עפעס א טויט קינד א, א, ווי באמת, גארנישט צו דערקענען דעם פריינט יעקב שטאל!

ניין נישט דאס איז דער געזאנג אונדזערער, נישט אזוי זינגט יידיש אין ארץ־ישראל, דער בינטל לידער פון די דערמאנטע דריי אויסגאבן זענען הארבסט בלעטער פון געזונטעביימער, וואס ק ע נ ע ן, וואס מ ו ז ן און וואס ו ו ע ל ן בליען.

ווארפט אוועק, יידישע זינגער פון א״י, די יחידישע קוועטשענישן, און הארצווייטאקן, אנטלויפט פון דער אייגענער איינזאמקייט, לאזט זיך נישט דורך אייערע ג ע פ י ל ע כ צ ן, אפרייסן פון דעם לעבעדיקן ברויזנדן שאפנדן לעבן אין א״י, אזוינס האט איר נישט אנדערשוואו.

פארבינדט זיך מיטן לעבן פון ארבעטער קלאס, דרינגט אריין א ר ג א נ י ש אין דאס שאפנדע אין דאס שפרודלדיקע פון א״י, לערנט פון «שוועל פון ליכטיקן טאג» פון זעלבן מנחם סטעמפל, לערנט פון פאפירעניקאווס קוואל, ס׳איז פארשטענדלעך, א שטימונג, א מצב רוח, א קרעכץ — אבער אונדזער פאעמע פון שאפן, אונדזער י י ד י ש ן געזאנג אין א״י — אויסשטעלן פאר דער ווייטער וועלט ווי א קאקאפאניע פון הארצווייטאק, קרעכצענישן, «בלוט», «דהענט פיס», «וואונדן» און «טויט» ווי ס׳ווערט געטאן אין «מאי»־«יוני»־«אקטאבער», איז נישט נאר א פעלשונג פון אמת, נאר אויך א פארברעכן.

נישט אזוי זינגט יידיש אין א״י ווי דער «מאי»־«יוני»־«אקטאבער» שילדערט, מיר האבן שוין געזען נישט נאר דעם «שוועל פון ליכטיקן טאג» — נייערט אויך פאפירעניקאווס «זוניקן־לאנד», אייזנס «חתונה און קאטרא» - וכדומה, דאס ווייזט אונדז, אז גאר א נ ד ע ר ש קלינגט דער אמתער געזאנג פון א״י.



צבי ש—ל

# יא, אזא איז אונדזער געזאנג!

(אן ענטפער ל. שמעונין)

... האט איר זיך צעשריבן און צעטענה׳ט, צעמוסרט און צעבייזערט, «אויפגעוויזן» מיט אותות ומופסים אונדזערע «יחידישע שטימונגען». אויסגעפונען אונדזער «קלאג־מוטער»־געוויין אין די לעצטע געזאנגען אונדזערע, און סמנים־מובהקים פון «פארלוירנקייט, אפהענטיקייט, אפגעריסנקייט פון ארץ־ישראלדיקן הוי», און אלץ: צוליב דער טיף־טיף דיכטעריש־פסיכאלאגישער דיאגנאזע, רחמנא לצלן, אלץ צוליב דער גוט־גוט־אדורכגעטראכטער פארשטאנענקייט אייערע, אז... «דאס איז נישט אונדזער געזאנג».

איר ציטירט (—פאר שיינקייט וועגן), טיילס כיבודים און רעכנט. איר ברענגט ראיות און פאקטן. זייער שיין, מיר האבן צו אייך גארנישט. אבער כדי צוקומען צו עמיצן מיט טענות דארף מען דאך פריער גוט־גוט אדורכטראכטן יעדע טענה באזונדער און זען צו איז זי, די טענה, ראויה געשטעלט צו ווערן אין דער עפנטלעכקייט (אויב מהאט פאר דער דאזיקער עפענטלעכקייט אביסל אחריות), צו איז זי, די טענה, נישט אמאל א «ליד» אזאס וואס זינגט זיך אייך צוליב אסך פערזענלעכע — מעג זיין אפילו פארטייאישע און פסיכאלאגישע־סיבות — און דאס «ליד», אייער ליד, איז גאר אינגאנצן ווייט פון «אונדזער» אמת, («אונדזער» — אין א ברייטערן זין) — פון א ו נ ד ז ע ר ווירקלעכקייט?

ווייל אין וואס אייגנטלעך גייט דא? איר, אונדזער קריטיקער, ווילט, אז מיר, אייערע זינגער, די זינגער פון די «אנהייב»־געזאנגען, פון «אויף דער שוועל פון ליכטיקן טאג», פון «מזרח שטאט», פון «כהאב דיך ליב דו שטיינער שטאט», פון «וואל־שערן» און «א חתונה אין קאטרע», פון «שניטער» און «צו מיין שוועסטער אין דארף», אז מיר זאלן נישט «פארקאכן א קאשע» מיט עפעס געלע «הונגער־פלעקן», מיר זאלן נישט «זוכן אינדזלען און היימען», זאלן נישט רופן «שוועסטערל, לאמיר אוועקגייען פון זיי»? פארוואס? — ווייל אין ארץ־ישראל איז מער נישטא ווי 2000 (צוויי טויזנט!?) ארבעטלאזע און י. צ. שארגעל «זינגט» פון מיליאנען אזש, פון געלע הונגעריקע טאטעס און מאמעס, פון געלע הונגער־פלעקן, פון א טויט וואס גריימט זיך מיט ברויט? פארוואסזשע, ליבער ל. ש., האט איר נישט איבערגעליינט פון דעם ליד די ערשטע שורה וועלכע דערציילט: «כוועל אין נייע היימען קיין רו שוין מער נישט זוכן»? אדרבה, ווען עמעצער קומט צו אונדז מיט טענות מכח אונדזער צו־ענגער לאקאלער זעלבסט־צופרידנקייט וואלטן מיר ערשט דעמאלט געמעגט אראפלאזן די אויגן... אבער ווייזט אויס, אז אויך

מיט לאקאלער ענגשאפט באנוגנט איר זיך נישט, נייערט איר ציטערט פאר יעדן לייכטסטן רמז וואס קען דערציילן פון היינטיקן וועלט־מצב. געלע הונגערפלעקן, באצירט איר מיט גענדזנפיסלעך, הונגעריקע טאטעס און מאמעס זענען פאר אייך שרעקלעכע פארזעענישן. דער פחד אייערער פאר אט א דער «חוצפה» אין דער היגער יידישער פאעזיע דערפירט אייך אזוי ווייט, ביז איר ווילט אזש, אז די זינגערין פון «ירושלים» זאל צריקכאפן איר «אויסגערונענע פרייד» מיט דער הילף פון ארץ־ישראלדיקע «בלויע הימלען», ביז... ביז איר פארלאנגט פון זינגער פון «א חתונה אין קאטרע» וואס האט די העזה צו רופן זיין שוועסטערל: «לאמיר אוועקגייען פון זיי!» — פון די כל־המינים נאציאנאלע אפיטרופסים, פון די כל־ערליי אונטערדריקער און עקספלואטארן, אז ער זאל איר ליבערשט אנהענגען און ארויפקלעפן אן אקטיארישע בארד פון «אויסערגעוויינלעכע פרייד פון אונדזערע יאטן וואס לעבט זיך זיי דא, אין ארץ־ישראל, צו גוט». אט וואס איר ווילט. איז אפשר וואלט איר אזוי גוט געווען און אנווייזן אונדז אויף דעם יונגווארג וואס גייט זיי דא צו גוט? ווער זענען זיי דאס? און א חוץ זיי לעבט שוין קיינער נישט? און די מיליאנען «יידישע ברידער», פון פוילן ביז אמעריקע, וואס גייען אויס פאר הונגער זענען גאר נישט? אדער אפשר טאר מען זיי נישט דערמאנען ווייל זיי זענען «גלות»? נו, און אחוץ אחינו בני ישראל לעבט זיך שוין אויף גאטס וועלטל אל־רייט? צו־גיט? איר קענט אונדז עפעס אנווייזן אויף אסך מיליאנען ארבעטער־יאטן אין דער גאנצער ברייטער וועלט, אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער, וועמען סלעבט זיך צו גוט? און מיינט איר ערנסט, אז «די ארץ־ישראלדיקע בלויע הימלען» קענען דאס אלץ אויסהיילן און דעריבער אויך פארהיטן פון «יחידישע שטימונגען?

אויך די אויסלענדישע חברים קומען צו אונדז מיט די זעלבע טענות: «וואס פאדערן מיר פון דער יידישער ליטעראטור אין ארץ־ישראל?» («דאס ארבעטער פאלעסטינע», ווארשע), אבער צו זיי, צו די ווארשעווער, קענען מיר נישט קומען מיט די זעלבע טענות וואס צו אייך (מיר וועלן זיי אבער ענטפערן ביי דער ערשטער געלעגנהייט), ווייל זיי, אויסלענדער, פארשטעלענדיק זיך, פון דערווייטנס די היגע בלויע הימלען מעגן — מיט רעכט — זיך בייזערן אויף אונדז הלמאי מיר זענען אזוי פארשטיינערט און פאריחידישט, אבער איר?! —

נאר אפשר זענען אייערע אויגן אויסגעוואשן מיט דער «בלויער דורכזיכטיקער לופט», מיט «פייכטן מארגנטוי», מיטן «בלויעם זילבער פון דער לבנה» און דעריבער זעט איר דאס אלץ אזוי לויטער. דעריבער איז אייך אזוי פריילעך אויפן הארצן, ביז איר קענט אזש נישט פארנעמען, ביז איר קענט נישט דערהערן דאס געזאנג פון רעוואלט, דאס געזאנג פון הונגעריקן, דאס



געזאנג פון עלנטן וואס גייט אריבער אלע גרענעצן אן שוק־צאל, פארשטייען מיר אייך און מיר פילן אייך מיט. אבער ווען עמעצן אנווארפן אייער אפטימיזם, ווי א חוק ולא יעבור איז נישט נאר ניט אויסגעהאלטן, נאר — כבעט אייך זייער איבער — אפילו נישט שכלדיק.

יא. אונדזער געזאנג וועגן «בלויע הימלען», «ירושלים», «שניטער־פרייד» א. א. איז אדורכגעפלאכטן און איבערגעקרייצט מיטן געשריי פון רעוואלטירנדיקן מענטשן, מיט די זוכנדיקע בליקן פון עלנטן און הויז־לאזן (כאטש מיר האבן א «בית־לאומי»), מיט די טרערן פון הונגעריקן און ארבעטסלאזן וואס זיין צאל דערגרייכט ווייט, ווייט אריבער די גרענעצן פון ארץ־ישראל מיט אירע «צוויי טויזנט» ארבעטסלאזע, מיט די אלע איז פארבונדן אונדזער ליד, ווייל סאיז פארבונדן מיט זיי אונדזער גורל, אונדזער צוקונפט.

ק. א—ר

# אלטניילאנד

(צום 10־יאריקן יובילײ פון דער «הבימה»)

אין די שטורם־יארן, ווען «געטער און וועלטן זענען אונטערגעגאנגען», האט אין דער «רויטער שטאט», וועלכע איז נישט נאר פאר די טעאטראלן אליין געווען — און געבליבן — די ירושלים דמטה, געשאפן די עקזאטיש־וואונדערבארע «הבימה».

דער פלאם פון בירגער־קריג האט אנגעצונדן די טעאטערס, ביי זיין ליכט האט זיך אנטפלעקט דער געניוס פון די רעזשיסערן; מיטן אפגעשפיגלטן שיין פון רוסישן טעאטער האט אויך געגלאנצט די «הבימה».

אמת, סאיז געווען שווערלעך. יעווסעקישע שנאה — אבער לונאטשארסקיס סימפאטיעס, הונגער־צייט — אבער מלוכישע סובסידיע, ועל כולם — שעפערישע טעטיקייט און חלומות, חלומות בשפע. אינעם גולם איז אריין דער דבוק פון משיחן און די מתים־וועלט האט זיך געלאזט אין א קאראהאד. אפגעריבענע שדים, מיסטישע שנארערס, תלינישע גלחים, דער ראכיטישער משיח בכבודו ובעצמו — אלץ איז אונטער דעם צויבער־שטעקעלע פון דער קונסט אויף דער עסטראדע תחית־המתים אויפגעשטאנען. די גוססדיקע געטא־וועלט האט מען, מיט דער הילף פון חרמים און שופר־בלאזן, געוואלט איינהאלטן באדיי אין פארם פון קינסטלערישע געשטאלטן. די «הבימה» איז געווארן דער שפיגל פון דער אידעען־שטימען־וועלט פון יידישן נעפמאן.

און וועגן חלומות — זייער פאקוס איז שטענדיק געווען ירושלים דמעלה, אוואו די עולם־התהו געשטאלטן וואלטן זיך געדארפט אראפלאזן פון דער סצענע אין דער ברייטער וועלט אריין מרעיש־עולמות זיין און אוואו — אונטער דער ווירקונג פון דער «מאמע־ערד» —

וואלטן די קינסטלער מגלה געווען נישט נאר נסתרות, — א, ניין! — נאר די «הבימה» וואלט געווארן דער טעאטער פונם יום־טובדיקן היינט און דעם גלאררייכן מארגן.

«און מקויים איז געווארן די נבואהלע»... סזענען אריבער די שיכרות־טעג פון דער טריומף־נסיעה; סהאט זיך אנגעהויבן דער וואכן־לעבן מיט זיין פראָזע: די בארימטע רעזשיסערן — העט ווייט, די מעצענאטן־סובסידיע איז אויך נישטא, הונדערטער מאל איבערקייען דאס זעלבע — זאל עס זיין ווי נאר קונסטפול — קען מען נישט, און די «הבימה» טרעט צו צו דער «יצירה». אבער ערשט איצט הייבט זיך און די נאטור פון דער קונסט נוקם צו זיין: «כתר דוד» (נאך ביי א רעזשיסער!) גיט ווייט נישט קיין קרוין. פון דער אייראפע־רייזע ברענגט מען די «צוועלפטע נאכט» — א פייערווערק־עפיזאד אינעם רעפערטואר — און «אוריאל אקאסטא». סקלינגט פאראדאקסאל: גראנאווסקיס רעזשי — און דער רב האלט גלייכגעוויכט מיט אקאסטען, ווייל א שפרונג פון געטא איז פאר דער «הבימה» א סאלטא־מארטאלע· שוין מיט אייגענע כחות כאפט מען זיך צו «גוישע» זאכן. סקומט «בכור השטן» און «הלהבה הקדושה». היות ווי חוץ די נעמען איז גארנישט מיסטיש, פאלגט א פיאסקא. אמעריקאנישער פרייהייטס־קאמף און ענגלישע נאך־מלחמהדיקע מאראל־פראבלעמען — מה ענין שמיטה להר סיני? אן עטאפ, א כוחות־פרווו, א פארביי־זאך, אפילו נישט קיין זוכעניש — א כאפ־לאפ רעפערטואר בכדי דורכצושטופן די טעג. יעדער ארטיסט באַזונדער איז שטארק א.א.וו., אבער סאיז דאך נישט וועגן דעם די רייד.

ענדלעך קומען די «קייטן», וועלכע דארפן זיין אן אנהייב פון א נייעם וועג. נישט אומזיסט האט זיי אזוי הייס באגריסט דער טעאטער־רעצענזענט פון «דבר». — א טורמע, סע קלינגען קייטן, מזינגט די מארסעליעזע, אין זכרון שווימט־אויף רייזנס גלאק, א נייע וועלט, לייוויק — «הבימה», נייע האריזאנטן, נייע פארבן, נייע מעגלעכקייטן! צו איז באמת אזוי? צו קען מען — נישט ארייַנפאלנדיק א פריארי אין התפעלות — אזוי אורטיילן וועגן דער «הבימה»ס נייעם וועג? ניין, לחלוטין ניין.

פאראלעל מיט די לעבעדיקע פיגורן פון די קרימינעלע פירן א שאטן־עקזיסטענץ די פאליטישע. זייערע ווערטער געפינען נישט קיין ווידערהאל, זייערע איבערלעבונגען רירן נישט. און לעווינע באזיגט נישט דורך זיין טויט די קייטן. זיי זענען מעכטיקער. ווייל קייטן הענגען אויף די פיס פון דער «הבימה» (שווערע גייסטיקע קייטן), און א קייטןטאנץ איז איר גאנצע שאפונג. ווי אזוי מרייסט די קייטן — דאס איז דער «הבימה» אומפארשטענדלעך, געווען, איז און וועט בלייבן. מיטן פנים צום עבר — צום גולם, צום רב, צו דרוזשינינען — קען זי זיך נישט א קער טוען. אייביק דאס זעלבע ליד. אלטניילאנד.

# נאטיצן

## וואוהין שפייט ער?

צום אלגעמיינעם כאר פון העברעיסטישע קוויטשערס אין א"י איז צוגעקומען דער חשובער שרייער בן־ציון כץ, וואס האט פארלאזן זיין פינסטערן «זשארגאנישן גלות» (חוץ די «זשארגאנישע» האנאראַרן, פארשטייט זיך) און זיך באזעצט אין תל־אביב.

בן־ציון כץ וואס האט זיך געשפייזט און שפייזט זיך נאך ביז היינטיקן טאג פון «זשארגאן» און פון «גלות» וויל זיך, ווייזט אויס, ריין־וואשן איצט, אין זיין נייער העברעיסטישער «געזעלשאפט», פאר זיין אמאליקן «פארטיידיקן» דאס לשון פון וועלכן ער ציט חיונה. ער מיינט, אז איצט — געפינענדיק זיך ארומגערינגלט פון ברית־טרומפעלדארגארניזאן און פון «שפראך־לעגיאן» מעג ער שוין פייפן אויף דער גאנצער וועלט און קוויטשען, און שרייען, און דערציילן שקרים און אידיאטיזם וועגן עפעס «יידישיסטישע פארברעכענס אין א"י. וועגן מעשיות, אז יידיש טאלערירט מען דא, אז אלע, אלע אין לאנד רעדן נאר עברית, ביז ער קומט צו דער מסכנה, אז מדארף זיך א געם־טוען צו די פאנדן־מיטארבעטער וואס זענען, חלילה, יידישיסטן.

און דער דאזיקער מענטש האט פארגעסן, אז סיי די פאנדן און סיי ער פערזענלעך, לעבן א דאנק דעם יידישן לשון. דארף מען אים דערמאנען, אז ער שפייט אין דער שיסל אריין פון וועלכער ער זופט?

## כאשיש...

די העברעיסטישע איספאטענץ ווערט כסדר מאסקירט מיט איבערזעצונגען. די איבערזעצונגען פארקויפן זיך שלעכט, האט מען געפונען אן עצה: לאטעריי־צעטלען. יידן קויפן לאטעריי־צעטלען און באקומען אן אומזיסטע ביילאגע — אן איבערזעצונג. און אז דאס העלפט אויך נישט, האט מען אויסגעפונען דעם «בלש» (דעדעקטיוו). א נאכקרימעניש פון די בארימטע נאט פינקערטאנס און שערלאק האלמס. א קוואל פון שונד, סם און א גייסטיקער כאשיש פאר דער היגער יוגנט. דער טיראזש איז קאלאסאל, די ביזנעס — גוט, און די פאלקס־דערציער מכל המינים שווייגן.

אויב סאיז לשון קודש, איז דאס כשר?!

## א גוט אויסגעפרווט מיטל

אויף דער עלטערן־פארזאמלונג אין חיפה, דעם צווייטן ה. ח. וואס איז צענויפגערופן געווארן וועגן לערער־שטרייק איז געקומען צו גרויסע סקאנדאלן ווען די ארבעטער־טאטעס האבן געפרווט רעדן אין יידיש, די קרעמערלעך צוזאמען מיטן ספא"ישן פארזיצער האבן בגוואלד נישט דערלאזט די עלטערן קומען צום ווארט, נאר דערפאר ווייל זיי רעדן יידיש. די מענטשן האבן פארגעסן, אז יידיש האלט זיי אוים!

ווייזט אוים, אז דאס אלטע גוט־אויסגעפרווטע מיטל: דורך פארווערן רעדן יידיש צו פארהיטן זיך פון אמתער קריטיק, לעבט נאך אלץ.

א. ליטוואק

## א ניי יידיש בוך פון היגן ארבעטער לעבן

פסח־צייט וועט דערשיינען אין אויסלאנד פרייינט ל. חיינס א בוך פון א"ידיקן ארבעטער לעבן. דער בוך נעמט ארום די תקופה פון דער פערטער עלית ביז די אבגעשעענישן פון 1929.

פאראנטווארטלעכער (האחראי) ש. צוקער

**פ ר י י ז**

אין לאנד: 10 מיל
אין אויסלאנד: 15 סענט

אדרעס פון רעדאקציע:
**The Club of the Jewish Autors and Journalists of Palestine,**
**Tel-Aviv, P. O. B. 313**

---

דפוס נח ורהפטיג, חיפה.